# דער אויפֿבלי פֿון ייִדישיזם

## צוויש בערלין און פּאַריז

.2



דער ייִדישיזם שטרעבט צו שטעלן די ייִדישע שפּראַך און קולטור אויבן אָן, ווי דער יסוד פֿון דער ייִדישער אידענטיטעט. כאָטש די ייִדישיסטישע אידעאָלאָגיע איז געבוירן געוואָרן אין מיזרח־אייראָפּע, האָבן פּאַריז און בערלין געשפּילט אַן עיקרדיקע ראָלע אין איר באַפֿעסטיקונג צווישןביידע וועלט־מלחמות.

.3



אין די 1920ער יאָרן איז בערלין געוואָרן אַ טרעפֿפּונקט פֿאַר ייִדיש־פֿאָרשער און טעאָרעטיקער פֿון ייִדישיזם. אויף דער איניציאַטיוו פֿונעם פֿילאָלאָג נחום שטיף (1879–1933) איז דאָרטן אין 1925 באַשלאָסן געוואָרן די גרינדונג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ). דער ייִוואָ, וואָס האָט אויסגעקליבן פֿאַר זײַן זיצאָרט ווילנע, איז באַלד געוואָרן אַן עמבלעם פֿון דער אַקאַדעמישער און קולטורעלער אָנערקענונג פֿון ייִדיש. טייל פֿון זײַנע גרינדערס און אָנפֿירערס האָבן שטודירט אין בערלין, ווי דער פֿילאָלאָג זעליג קלמנאָוויטש (1881-1944) און דער אָנגעזעענער לינגוויסט מאַקס ווײַנרײַך (1894-1969), אַ צענטראַלע פֿיגור פֿון יענעם פּעריאָד.

אין די 1930ער יאָרן מערקט זיך אין פּאַריז אַן אויפֿשטײַג פֿון ייִדישיזם. כאָטש די פּאַריזער פֿיליע פֿון ייִוואָ איז טעטיק בלויז במשך אַ פּאָר יאָר (1933–1939), איז איר עקסיסטענץ גופֿא אַ סימן פֿון דער ראָלע פֿון דער שטאָט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישיסטישער אידעע, וואָס ווירקט אויף אַלע פּאָליטישע שטרעמונגען פֿון אײַנגעוואַנדערטן ייִשובֿ. אַ ראיה — די קולטור־טעטיקייט פֿון פּראָ־ציוניסטישע מנהיגים ווי ישׂראל יעפֿרויקין (1884–1954) צי מאַרק יאַרבלום (1887–1972) און דאָס אָפּהאַלטן אין 1937 אין דער פּראָנציייזישער הויפּטשטאָט דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז פֿאַקטיש געווען דער גרינדונג־קאָנגרעס פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־פֿאַרבאַנד, געשטיצט דורך דער פּראָ־קאָמוניסטישער טענדענץ. דער ייִדיש־פּאַוויליאָן אויף דער אוניווערסאַלער אויסשטעלונג אין זעלביקן יאָר 1937 באַשטעטיקט די חשיבֿות פֿון פּאַריז פֿאַר די ייִדישיסטישע שטרעבונגען.

1. און 2. דער עמבלעם פֿון ייִוואָ.
3. מאַקס ווײַנרײַך.
4. נחום שטיף (זיצט, דער 3טער פֿון לינקס) אויפֿן וועג קיין בערלין מיט אַ גרופּע ייִדישע אינטעלעקטואַלן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד (ליטע, אַרום 1921).
5. און 6. דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס (פּאַריז, 1937).




.6